גברים בלבד, הורכב מחובבים; המחזה היה בנוי מקטעי שירה עם ליווי מוזיקאלי, שהיה מחובר מקטעים מתוך ה׳פורים־שפילן׳ של לפני השואה וגם משירים עממיים ביידיש ופרקי חזנות. את תפקיד האם שיחק ר׳ משה אפטרגוט בעצמו — וממש נגע ללב. תרמו לכך גם הלחנים, שהושאלו מן השיר ׳מאַמע, גיב אַ ברכה צו דײַן קינד׳ (אמא, השמיעי ברכה לילדך). השיר, שמחברו אלמוני פורסם במלואו בקובץ, שנאסף מפי ניצולים (Mlotek-Gottlieb 1983: 18-19).

השיר הושר בגיטאות כשיר־פרידה של האימהות מילדיהן. בלב רבים מן הצופים ומן השחקנים, ששמעו את השיר בגיטו, היה הלחן הידוע טעון מטען רגשי, בהזכירו להם את יקיריהם שניספו ואבדו.

מעין תמצית של המחזה, המתפרסמת כאן להלן, נכתבה מתוך הזכרון, ביידיש, מקץ למעלה משלושים שנה שחלפו מאז ההצגה, שאותה ביצע ר׳ משה אפטרגוט, המחבר, הבמאי והשחקן הראשי.

וזו לשון התמצית:

בס״ד

**אין צײַט פֿון פֿאַרנומענעם פוילן**

אויפֿגעפֿירט פֿון ר׳ משה אַפֿטערגוט נ״י

געשפילט: פורים תש״ח לפ״ק

אין דער שפיל האָבן אָנטייל גענומען:

משה אַפֿטערגוט — די מאַמע

ברוך דוד האַלבערשטאַם — איר קינד

יעקבֿ קריגער — דער ס״ס מאַן

משה דוד מאַנדלבוים — איינער פֿון די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן, וועלכע האָבן באַפֿרײַט דעם לאַגער

די מוזיק באַגלייטערס — יהושע טווערסקי, מאיר יעקבֿ ראָזנגאַרטן

— — —

אַ מאַמע, פֿון וועלכער מען האָט צוגענומען איר מאַן, טוליעט איר קינד און פיעשטשעט אים, מאַכנדיק פֿון דעם פּופּצן אָדער זעבצן יאָריקן בחורל אַ קליין פּיצל קינד, וועלכעס קען נאָך אַפֿילו קוים גיין אויף די פֿיס, כּדי אַזוי — אײַנרײדנדיק אים און זיך — וועלן די בעסטיעס, די נאַצישע רוצחים, אים נישט נעמען צו דער ׳אַרבעט׳...

רעדנדיק ווי צו זיך, דערמאָנענדיק זיך די היים, די עלטערן, די געשוויסטער, קרובֿים, פֿרײַנד און באַקאַנטע, האָט די מאַמע פֿון צײַט צו צײַט געגעבן אַ טיפֿן אָבער שטילן זיפֿץ, זי זאָל חלילה נישט אויפֿוועקן איר קינד, יענקעלע. אַרויסרעדנדיק נעמען און עפּיזאָדן, האָט זי צווישן אַנדערן אַ ברום געטאָן: — און יעצט? פּוסט, לער, וויסט... מ׳גייט! ...

הערנדיק דאָס וואָרט ׳מ׳גייט׳, כאַפּט זיך יענקעלע אויף, און אַ דערשראָקענער פֿרעגט ער:

— ווער גייט, מאַמע?

זײַן מאַמע,ביילע, ענטפֿערט:

— שלאָף, שלאָף, מײַן קינד. קיינער גייט נישט.

אָבער דער טרויעריקער אמת איז, אַז עס האָט זיך דערהערט דער טראָט פֿון די בעסטיעס שטיול. די חיות האָבן אײַנגעבראָכן אין יאַקאָבאָוויטשעס היים, זיי האָבן אַכזריותדיק אַ כאַפּ געגעבן די מוטער, און געפֿרעגט:

— הייסטו ביילע יאַקאָבאָוויטש?... און דאָס איז דײַן קינד?... דײַן אורטייל איז געחתמעט...

די רשעים שלײַדערן צום באָדן די מאַמען, און ווילן אַוועקנעמען יענקעלען, איר קינד. דער קאַמף צווישן דער מאַמע און די מערדער הייבט זיך אָן... אָבער עס האָט לײַדער נישט געהאָלפֿן. יענקעלע איז אַוועק... די מאַמע איז געבליבן אַליין, ליגנדיק אויף דעם פּוס־באָדן...

ווי זי וואָלט אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ טראַנס, האָט זי מיט האַלב־פֿאַרנעפּלטע געדאַנקען ווי צו־זיך גערעדט. מ'האָט נישט געהערט מער ווי גרויל... רעדנדיק אַזוי, מיט קרעכץ און יאוש, און נישט קענענדיק שלום מאַכן מיט טרויעריקער ווירקלעכקייט, האָט זי אָנגעהויבן צו פֿאַנטאַזירן... זי האָט מיט אירע געדאַנקען אַרויפֿגעוואָרפֿן אַ חשבון אויף אַלעס אַרום...

אין אַ פּאָר טעג אַרום קומט אַ שליח פֿון די טײַוולאָנים, אַן ס"ס מאַן, מיט אַ זאַק אין דער האַנט. דער שליח האָט זי געפֿרעגט:

— הייסטו ביילע יאַקאָבאָוויטש?

אַזוי ווי זי האָט געענטפֿערט "יאָ", גיט ער איר דאָס זעקעלע און זאָגט:

— דאָס איז דײַן קינד...

די מאַמע דערפֿרײַט זיך מיט איר פּיצל קינד. זי טוליעט עס און דריקט עס פֿעסט צו איר האַרצן, שמייכלענדיק און נישט קענענדיק אַראָפּנעמען אַן אויג פֿון איר ליבטיק שיינעם זונעלע, וועלכער האָט איר גאָרנישט געענטפֿערט אויף איר צערטלעכקייט און וואַרעמעהאַרציקייט. די מאַמע קוקט זיך אַרום, און עס איז עפּעס נישט נאָרמאַל מיט איר שיין קינד...

פּלוצים דערזעט זי די אויפֿשריפֿט אויפֿן זאַק: **אַש!** ... זי מאַכט אויף אַ פּאָר גרויסע אויגן און הייבט אָן ציטערן... זי דריקט דאָס זעקל ווידער צום האַרצן... און אָט וואַרפֿט זי זיך מיטן זעקל, מאַכט עס אויף, לייגט אַרײַן איר האַנט און נעמט אַרויס ביסלעכווײַז... **אַש!** ...

אירע קולות בײַם שרײַען: "דאָס איז דאָס **אַש** פֿון מײַן יענקעלע, דאָס איז דאָס **אַש** פֿון מײַן טאַטן, מאַמען, דאָס איז דאָס **אַש** פֿון מײַנע געשוויסטער!" — האָבן אָפּגעהילכט אַ וועלט און צעריסן הימלען. זי האָט זיך אויפֿגעהויבן קלאַפּנדיק און ברעבנדיק אַלץ, וואָס פֿאַר אירע אויגן איז געקומען, האָט געכאַפּט אַ שוועבעלע, אַרויסגעלאָפֿן פֿון שטוב און געשפּרונגען פֿון הויז צו הויז אָנצינדנדיק הײַזער אוןביימער, און שרײַענדיק צו די באַנדיטן:

— אויב איר האָט געמעגט מאַכן פֿון מײַן יענקעלען אַש, האָב איך געמעגט אונטערצינדן וואָס נאָר אונטערצינדן לאָזט זיך, און זאָל ברענען וואָס נאָר ברענען

קען!... און יעצט האָב איך איין בקשה: טראַנספּאָרטירט מיך מיט מײַן קינד אין איין זעקעלע אַש...

אינצווישן הערט זיך דער אַמעריקאַנער הימען. די באַפרײַונג פֿון די אַמעריקאַנער איז געקומען. די שטאָט פֿילן אָן אַמעריקאַנער סאָלדאַטן, געבנדיק ערשטע הילף דער אומגליקלעכער מאַמען.

קלאַפּט פלוצלונג אין דער טיר און קומט האַסטיק אַרײַן... איר זון יענקעלע!?!...

די גײַסטיק צעבראָכענע אויסגעדאַרטע מוטער איז געוועזן ווי פֿאַרשטומט, ניט קענענדיק אויסרעדן אַ וואָרט... צי איז עס ניט קיין חלום אין דעם גיא ההריגה? — האָט זי געמוזט טראַכטן... עס האָט געדויערט אַ שטיקל צײַט ביז אירע האַלב־אויסגעלאָשענע אויגן האָבן מוטערלעך אָנגעהויבן צו לויכטן...

עס האָט זיך אַרויסגעצייכנט (אַרויסגעוויזן), אַז יענקעלע איז אַנטלאָפֿן פֿון טראַנספּאָרט אין די וועלדער, וווּ אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער האָט אים דערזען און גענומען צו זיך.

יענקעלע האָט געהאַלדזט און געקושט זײַן מאַמען. זיי האָבן ביידע געוויינט אויפֿן נס...

קומענדיק צו זיך, זאָגט יענקעלע:

— מאַמע! פּונקט אַזוי ווי די רוישיקע שטראָמען וואַרפֿן זיך אויף די קליינע אינדזעלעך און קענען זיי ניט אָנוועקרײַסן, אַזוי וועט יענקעלען קיינער קיין מאָל ניט קענען אָוועקרײַסן פֿון זײַן מאַמען...

(ובעברית:

בס"ד

**בימי פולין הכבושה**

הומחז ובויים על־ידי ר' משה אפטרגוט נ"י

הוצג בפורים תש"ח לפ"ק

במחזה השתתפו:

משה אפטרגוט — האם

ברוך דוד הלברשטאם — הילד שלה

יעקב קריגר — איש הס"ס

משה דוד מנדלבוים — אחד החיילים האמריקאים, ששחררו את המחנה

המלווים המוזיקאליים: יהושוע טברסקי, מאיר יעקב רוזנגורטן

— — —

אֵם, שבעלה נקרע ממנה, מחבקת את ילדה ומפנקת אותו, כאילו הנער בן החמש־עשרה או שש־עשרה אינו אלא ילד פעוט, המתקשה עדיין לעמוד על רגליו ולצעוד. היא ביקשה להונות את עצמה, שבדרך זו היא תצליח להצילו מידי חיות־הטרף, הרוצחים הנאציים, והם לא יקחו אותו ל'עבודה'...

היא השמיעה קול ודיברה כאילו לעצמה, ונזכרה בביתה, בהוריה, באחיה ואחיותיה, בקרובים, ידידים ומכרים. מדי פעם פלטה אנחה מעומק הלב, אנחה